בעזרת השם יתברך

גליון
# שיעורי חינוך
אידיש

פונעם ראש ישיבה שליט"א

פראקטישע עצות און הדרכות פאר עלטערן, מלמדים, מחנכים און מחנכות

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון קנ"ז

פרשת נשא ב' (כאר"י בהעלותך)
שנת תשפ"ו

# שיעורים אין חינוך

פונעם ראש ישיבה שליט"א

## נעגעטיווע אויפמערקזאמקייט - דערציילן פאר די קינדער מעשיות פון צדיקים

מחנכים דארפן וויסן און געדענקען וואס איז דער ציל פון א מוסר, און פארוואס זיי קומען ארבעטן מיט די קינדער. דער ציל פון א מוסר איז אז די מחנכים זאלן אריינברענגען, אריינפרעגלען און אריינפרעדיגן אין די קינדער אמונה אינעם אייבערשטן, אמונת צדיקים און יראת שמים.

דערפאר איז זייער וויכטיג אז די מחנכים זאלן דערציילן פאר די קינדער מעשיות פון צדיקים, ווייל דער הייליגער רבי האט געזאגט (שיחות הר"ן, סימן קלח), ווען ער איז געווען א קליין קינד האט ער געהערט אסאך מעשיות פון צדיקים, און דאס האט אים אויפגעפלאמט זיין הארץ צו יראת שמים, ער זאל אויך וועלן זיין א צדיק.

מוהרא"ש שרייבט אן א שיעור מאל אין אשר בנחל פאר מחנכים, אז מען מוז זיך אנגרייטן מעשיות פון צדיקים צו קענען דערציילן פאר די קינדער. מוהרא"ש ברענגט אראפ די מעשה פונעם הייליגן צאנזער רב זכותו יגן עלינו, אז דער הייליגער צאנזער רב האט געפרעגט די מלמדים וואס האבן געלערנט מיט זיינע קינדער: **"איר לערנט אויך מוסר מיט מיינע קינדער?"** האבן זיי געענטפערט: **"יא, מיר לערנען מסלת ישרים, ארחות צדיקים און אנדערע ספרי מוסר"**, האט דער הייליגער צאנזער רב געזאגט: **"נישט דאס מיין איך צו פרעגן; איך פרעג צי איר לערנט מיט זיי סיפורי מעשיות פונעם הייליגן רבי ר' אלימלך זכותו יגן עלינו און פון זיין ברודער דער הייליגער רבי ר' זושא זכותו יגן עלינו. דאס איז די מוסר וואס איך פארלאנג פון אייך צו לערנען מיט מיינע קינדער".**

אין די צייטן פונעם הייליגן צאנזער רב זכותו יגן עלינו זענען נאכנישט געווען קיין מיידל שולעס, דערפאר האט ער דאס נאר פארלאנגט פון די מלמדים פון זיינע אינגלעך. אבער היינט, אז עס זענען דא מיידל שולעס, איז די זעלבע זאך נוגע אויך פאר לערערינס; יעדער מחנך און יעדע מחנכת, אפילו די וואס לערנען אויס לימודי חול, נייען, באקן וכדומה, דארפן זיך אנגרייטן יעדן טאג צו דערציילן א מעשה פון א צדיק, און רעדן צו די קינדער וועגן אמונה, תפלה און יראת שמים.

## אראפברענגען די מעשיות לעובדא ולמעשה

ווען מען דערציילט א מעשה פון א צדיק, דארף מען פרובירן עס צו דערציילן אויף א וועג אז די קינדער זאלן דאס קענען ניצן לעובדא ולמעשה, אין זייער טאג-טעגליכן לעבן.

לאמיר נעמען אלס ביישפיל די באקאנטע מעשה וואס די וועלט דערציילט, אז אן ארעמער דארפס-איד האט נישט געקענט באצאלן די ארענדע פארן פריץ, און דער פריץ האט אים געסטראשעט: **"אויב דו וועסט נישט באצאלן די ארענדע ביז א געוויסע צייט, וועט מען דיך אריינווארפן אין תפיסה, אדער ארויסווארפן פון דיין דירה אינמיטן א קאלטע ווינטער נאכט"**, איז דער איד געלאפן צום צדיק בעטן א ברכה, דער צדיק האט אים אנגעוואונטשן, און דער אייבערשטער האט געהאלפן אז דער פריץ האט באקומען א מיתה משונה.

ווען מען דערציילט אזא מעשה פאר די קינדער, קענען זיי גארנישט נאכטון פון די מעשה. אוודאי איז מורא'דיג וויכטיג צו דערציילן אפילו אזעלכע סארט מעשיות כדי די קינדער זאלן זען די גרויסקייט פון צדיקים און גלייבן אין צדיקים, אבער דאך איז בעסער מען זאל אויך אריינלייגן אינמיטן די מעשיות געוויסע נקודות וואס די קינדער זאלן קענען נאכמאכן.

דעריבער זאל מען אריינפלעכטן אין די מעשה אז ווען דער צדיק האט געהערט פונעם איד איבער זיין צרה, האט ער 'געבעטן' דעם אייבערשטן; און מען זאל זאגן פאר די קינדער די פינקטליכע ווערטער וואס דער צדיק האט געניצט: "הייליגער באשעפער, העלף דעם איד". אויך האט דער צדיק געזאגט פארן אייבערשטן: **"רבונו של עולם, די אידן ווייסן נעבעך נישט אז זיי אליין קענען בעטן פון דיר, דערפאר קומען זיי צו מיר; נעם עס אן כאילו זיי האבן עס אליין געבעטן".** און מען זאל אויספירן פאר די קינדער: **"באמת קען יעדער איד אליין בעטן דעם אייבערשטן אויף זיינע געברויכן, נאר מיר גייען צו צדיקים ווייל די צדיקים לערנען אונז אויס צו בעטן דעם אייבערשטן".**

## אַרַיינְגֵיין אִין אַ שְׁמוּעֶס וֶועגְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

מֶען דַארְף פְּרוּבִּירְן מִיט חָכְמָה צוּ טְרֶעפְן אִין יֶעדֶע מַעֲשֶׂה וואוּ מֶען קֶען אַרַיינְדְרֵייעֶן עֶפֶּעס וָואס דִי קִינְדֶער קֶענֶען נָאכְטוּן. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, וֶוען מֶען דֶערְצֵיילְט פַאר דִי קִינְדֶער אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ הָאט גֶעפַּאסְט מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת פַאר אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג יָאר; זִיבְּן יָאר פַאר זַיינֶע עֲבֵירוֹת, זִיבְּן יָאר פַאר זַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, אוּן נָאךְ זִיבְּן יָאר פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער עֶס זָאל זֵיי גוּט זַיין - וָואס דָאס אִיז דָאךְ אַ זַאךְ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אָנְגֶעזָאגְט אַז מִיר זָאלְן דָאס נִישְׁט נָאכְטוּן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תצא) - זָאל מֶען נָאךְ דִי מַעֲשֶׂה אַרַיינְגֵיין מִיט דִי קִינְדֶער אִין אַ שְׁמוּעֶס וֶועגְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: **"עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ וֶועגְן וִוי אַזוֹי צַדִּיקִים דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אֵיינֶע פוּן דִי וֶועגְן אִיז דוּרְךְ פַאסְטְן אוּן מַאכְן סִיגוּפִים, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעטוּן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ נָאךְ צַדִּיקִים, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ גֶעפַאסְט אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אָנְגֶעזָאגְט מִיר זָאלְן נִישְׁט פַאסְטְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, וֶוען עֶר זָאל וֶוען וִויסְן אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן צוּ וָואס מֶען קֶען אַלְץ זוֹכֶה זַיין דוּרְךְ רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואלְט עֶר זִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעפַּיינִיגְט מִיט תַּעֲנִיתִים אוּן סִיגוּפִים, נָאר עֶר וָואלְט בְּלוֹיז עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין דֶעם. וַוייל דוּרְךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק** (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ק)**"**.

אוּן מֶען זָאל צוּלֵייגְן פַאר דִי קִינְדֶער: **"עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט, אוּן אוֹיךְ נִישְׁט אִין אֵיין טָאג צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; עֶס נֶעמְט יָמִים וְשָׁנִים. מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶערוֹיף אוּן בְּלַייבְּן שְׁטַארְק מִיט דִי גוּטֶע וִוילְן, דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"**.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט מֶען זָאל גֶעבְּן אַ נָאמֶען פַאר אוּנְזֶער שׁוּלֶע **"בֵּית פֵּיגָא"**, נָאךְ דִי מַאמֶע פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, כְּדֵי אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער דִי זַאךְ פוּן 'תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת' וָואס זִי פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג טוּן; זִי פְלֶעגְט כְּסֵדֶר אַרִיבֶּערְגֵיין צוּם צִיּוּן פוּן אִיר זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן דָארְט מִתְפַּלֵל זַיין. [בְּדֶרֶךְ כְּלַל אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ פַאר פְרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ צוּ גֵיין אָפְט צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים, וַוייל זֵיי דַארְפְן בְּלַייבְּן אִינְדֶערְהֵיים, אָבֶּער דֶעם רֶבִּינְ'ס מַאמֶע הָאט גֶעוואוֹינְט מַמָשׁ נֶעבְּן דֶעם צִיּוּן פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב, דֶערְפַאר הָאט זִי גֶעקֶענְט גֵיין].

## אַ שְׁטַארְקֶע דִיסְצִיפְּלִין אָן קַיין שִׂנְאָה אוּן קְרִיגֶערַייעֶן

מְחַנְּכִים דַארְפְן אַוֶועקְשְׁטֶעלְן אַ שְׁטַארְקֶע דִיסְצִיפְּלִין אִין כִּתָּה; מֶען דַארְף זַיין פֶּעסְט אוּן זִיךְ הַאלְטְן צוּ דֶעם וָואס מֶען הָאט גֶעזָאגְט, אוּן זִיכֶער מַאכְן אַז וָואס מֶען הֵייסְט דִי קִינְדֶער צוּ טוּן - מוּז וֶוערְן אוֹיסְגֶעפִירְט בַּיי יֶעדְן אֵיינְצִיגְן קִינְד. וֶוען מֶען הֵייסְט אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ סֵפֶר אָדֶער אַ בּוּךְ - דַארְף עֶס יֶעדֶער אַרוֹיסְנֶעמֶען; וֶוען מֶען הֵייסְט זִיךְ אַרָאפְּזֶעצְן - דַארְף זִיךְ יֶעדֶער אַרָאפְּזֶעצְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אָבֶּער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט אָנְצִינְדְן אִין הַארְץ אַ שִׂנְאָה אָדֶער אַ קְרִיגֶערַיי קֶעגְן דִי קִינְדֶער וָואס פָאלְגְן נִישְׁט גְלַייךְ, אָדֶער מַאכְן זִיךְ נִישְׁט גְלַייךְ וִויסְנְדִיג, אָדֶער וָואס שְׁטֶערְן דִי כִּתָּה.

## דֶער טָעוּת פוּן נִישְׁט רִיכְטִיגֶע מְחַנְּכִים

מְחַנְּכִים דַארְפְן אַרַיין טְרַאכְטְן מִיט הַארְץ אוּן גֶעפִיל: 'וָואס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס דִי קִינְדֶער וִוילְן נִישְׁט פָאלְגְן?'

אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נִישְׁט קַיין רִיכְטִיגֶער מְחַנֵּךְ, וֶועט אָנְקוּקְן דִי קִינְדֶער וָואס פָאלְגְן נִישְׁט, וִוי 'שְׁלֶעכְטֶע קִינְדֶער' אוּן 'מְחוּצָפִים'. עֶר טְרַאכְט: 'אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעהֵייסְן אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם סֵפֶר אָדֶער זִיךְ אַרָאפְּזֶעצְן, אוּן דוּ פָאלְגְסְט נִישְׁט, דוּ מַאכְסְט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג; דָאס אִיז אַ גֶעפֶערְלִיכֶע חוּצְפָּה! מֶען מוּז דִיךְ אַרוֹיסְשִׁיקְן פוּן כִּתָּה, אָדֶער גֶעבְּן אַ פְּרַאסְק!'

גֶעוִויסֶע מְחַנְּכִים וֶועלְן נָאךְ פָארְהַאלְטְן דָאס קִינְד אוּן פְרֶעגְן: **"אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט פָאלְגְן וָואס מֶען הֵייסְט, פַארְוָואס בִּיסְטוּ בִּכְלַל גֶעקוּמֶען אִין כִּתָּה?!"** אוֹיסֶער דֶעם וָואס דִי גַאנְצֶע זַאךְ אִיז פַאלְשׁ, וַוייל דִי שְׁוֶוערֶע קִינְדֶער וִוילְן בִּכְלַל נִישְׁט זַיין קַיין מְחוּצָפִים, דַארְף מֶען וִויסְן אַז מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט זָאגְן פַאר קִינְדֶער אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער. וַוייל אוֹיבּ מֶען וֶועט פְרֶעגְן אַ קְלוּג קִינְד: **"זָאג מִיר דֶעם אֱמֶת, פַארְוָואס בִּיסְטוּ גֶעקוּמֶען אִין חֵדֶר אָדֶער אִין שׁוּלֶע?"** וֶועט דָאס קִינְד עֶנְטְפֶערְן: **"וַוייל מַיין מַאמֶע הָאט מִיךְ אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אוֹיפְן בָּאס; אִיךְ בִּין בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט צוּ קוּמֶען"...** דִי אַרְבֶּעט פוּן דִי מְחַנְּכִים אִיז אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין דִי קִינְדֶער אַ חֵשֶׁק צוּ וֶועלְן קוּמֶען אִין חֵדֶר אָדֶער אִין שׁוּלֶע.

## דֶער בְּלִיק פוּן אַ רִיכְטִיגֶער מְחַנֵּךְ

אַ רִיכְטִיגֶער מְחַנֵּךְ קוּקְט אַרַיין טִיפֶער אִין דִי הֶערְצֶער פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן פַארְשְׁטֵייט אַז קַיין אֵיין קִינְד וִויל נִישְׁט זַיין שְׁלֶעכְט, נָאר דָאס וָואס גֶעוִויסֶע קִינְדֶער פָאלְגְן גְלַייךְ אוּן גֶעוִויסֶע נִישְׁט, וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם אִינֶערְלִיכְן גֵייסְט פוּנֶעם קִינְד.

אַ קִינְד וָואס קוּמְט פוּן אַ שְׁטוּבּ וָואס דִי עֶלְטֶערְן גֶעבְּן וַוארֶעמְקֵייט אוּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, וַואקְסְט אוֹיף גֶעזוּנְט אוּן צוּפְרִידְן, אוּן פִירְט זִיךְ אוֹיף וואוֹיל אִין כִּתָּה. אָבֶּער אַ קִינְד וָואס קוּמְט פוּן אַ שְׁטוּבּ וָואס דִי עֶלְטֶערְן גֶעבְּן נִישְׁט קַיין גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן זֵיי צֶעבְּרֶעכְן דֶעם זֶעל פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, זֵיי הַאלְטְן אִין אֵיין אַרָאפְּקְלַאפְּן אוּן פָארְהַאלְטְן דִי קִינְדֶער: **"פַארְוָואס בִּיסְטוּ נִישְׁט וִוי יֶענֶעם?!"** אָדֶער **"זַיי אַזוֹי וִוי דֶער שָׁכֵן!"** - אַזֶעלְכֶע קִינְדֶער וֶוערְן אִינֶערְלִיךְ זֵייעֶר צֶעקְלַאפְּט אוּן דֶערְנִידֶערְט.

מֶען קֶען נִישְׁט דֶערְקֶענֶען אוֹיף קִינְדֶער פוּן אִינְדְרוֹיסְן אַז זֵיי זֶענֶען צֶעבְּרָאכְן; אַ קִינְד קֶען גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט דִי שֶׁענְסְטֶע קְלֵיידֶער, אוּן הָאבְּן עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען בַּאקַאנְט אַלְס גָאר פֵיינֶע מֶענְטְשְׁן אָדֶער אֲפִילוּ עַסְקָנִים וָואס הֶעלְפְן דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט, אָבֶּער אִינֶעוֵוייניג זַיין גוּט צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעקְלַאפְּט צוּלִיבּ דֶעם וָואס דִי עֶלְטֶערְן

האלטן זיי אין איין אראפקלאפן. און דאס קען צוברענגען אז זיי זאלן זיך אויפפירן מיט חוצפה אין כתה.

### א חינוך וואס הרג'עט די קינדער לעבעדיגערהייט

ליידער זענען דא עלטערן וואס זייער גאנצער צוגאנג פארוואס זיי זענען מחנך זייערע קינדער איז נאר 'כדי אנדערע מענטשן זאלן זען ווי פיין און געלונגען מיינע קינדער זענען'; דער ציל איז בלויז אז דאס בילד זאל אויסקוקן גלאנציג און שיין. דאס קען צוברענגען אז די קינדער זאלן אויפוואקסן צעבראכן און צעקלאפט.

די הייליגע חכמים זאגן (תענית ז.): **"כל העוסק בתורה לשמה, תורתו נעשית לו סם חיים"**, ווער עס לערנט תורה פארן אייבערשטן, מאכט אים די תורה לעבן, **"וכל העוסק בתורה שלא לשמה, נעשית לו סם המות"**; און ווער עס לערנט תורה נישט פארן אייבערשטן, טוט אים עס הרג'ענען, **"שנאמר** (דברים לב, ב): **'יערף כמטר לקחי', ואין עריפה אלא הריגה"**, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דער לשון 'יערף' וואס מיינט אפהאקן דעם קאפ.

וואס מיינט דאס אז די תורה הרג'עט אים? אויבנאויף לערנט מען פשט אז דאס איז עפעס וואס געשעט אויבן אין הימל מיט די נשמה, אבער עס קען זיין פשט נאך דא אויף דער וועלט: אויב מען איז מחנך קינדער צו לערנען בלויז ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן לערנען, וואקסן די קינדער אויף מיט א געזונטע גייסט; אבער אויב די גאנצע חינוך איז געבויט בלויז כדי צו באקומען כבוד פון די קינדער, און דערפאר דרוקט מען זיי און מען פארלאנגט פון זיי צו טון מער וויפיל זיי קענען, דעמאלט ווערן די קינדער אינערליך צעבראכן און צעקלאפט, און זיי לעבן נעבעך א טויטע לעבן.

### חוצפה אלס רעזולטאט פון נעגעטיווע אויפמערקזאמקייט

די ריכטיגע מחנכים וואס קוקן אריין טיף אין די הערצער פון די שוועריגע קינדער און פארשטייען אז זיי זענען פשוט איינעווייניג צעבראכן, וועלן אויך פארשטיין די סיבה פארוואס די קינדער פירן זיך אויף מיט חוצפה. ווייל די קינדער טראכטן צו זיך: 'וואס קען איך פארלירן אויב איך וועל זיך אויפפירן מיט חוצפה? איך בין דאך סיי ווי גארנישט ווערד און איך וועל סיי ווי נישט מצליח זיין אין לעבן; לאמיר כאטש באקומען אביסל נעגעטיווע אויפמערקזאמקייט פונעם מחנך. איך וועל נישט פאלגן אדער זיך אויפשטעלן און ארום שפאצירן אין כתה אן רשות, כדי מען זאל מיך אנשרייען און אזוי וועלן אלע קוקן אויף מיר'.

די זעלבע סארט אויפפירונג קען זיך אויך מאכן ביי ערוואקסענע מענטשן. דאס וואס עס פאסירט אמאל אינדערהיים אז א מאן און ווייב בלאזן איינער אויפן צווייטן, קומט נישט צוליב שלעכטיקייט, נאר געווענליך קומט עס נאכדעם וואס איינער האט פרובירט צו רעדן און ער האט געזען אז מען איז נישט אינטערעסירט אים אויסצוהערן. ווען דער מאן אדער די ווייב זענען פארטיפט אינעם טעלעפאן אדער אין אנדערע ענינים, וועט דער צווייטער ניצן דעם מיטל פון 'נעגעטיווע אויפמערקזאמקייט'; ער וועט בלאזן, איגנארירן, אדער אפילו פארשפארן די טיר וכדומה. באמת וויל ער עס בכלל נישט טון, ער וויל פשוט מען זאל קוקן אויף אים און אים אויסהערן.

דערפאר טאר מען נישט קוקן מיט א שלעכטע אויג אדער ווערן אויפגערעגט אויף קינדער וואס פאלגן נישט. אין די זעלבע צייט וואס מען פארלאנגט פון זיי די מערסטע דרך ארץ, דארף מען קוקן אויף זיי מיט רחמנות און ווינען ביי זיך אין הארץ אויף זייער מצב, און זיי מחנך זיין מיט געפילן פון רחמנות.

## בריוון פון חינוך

פונעם ראש ישיבה שליט״א

### וואס טוט מען מיט קינדער וואס דרייען איבער?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט״א,

איך האב געוואלט פרעגן צוויי שאלות ווענגן מיינע קינדער אין שטוב, ברוך השם זייער וואוילע לעבעדיגע קינדער, אבער יעצט ווען דער צווייטער ווערט שוין גרויס, הייבט ער אן פארפירן און ווילדעווען, און ער שלעפט מיט דער גרעסערן.

איינס, וואס טו איך אז זיי הייבן אן צו שפייען און זיי לאכן? אפילו ווען איך זאג זיי צו אויפהערן, און אפילו אז איך זאג זיי שטרענג, העלפט עס נישט, זיי לאכן נאך מער און שפייען שטערקער און מיט א גרעסערע חיות, און אז איך געב זיי א פאטש העלפט עס אויך נישט, נאר אויב איך נעם יעדן איינעם באזונדער אליין דעמאלט העלפט א פאטש, איז ריכטיג זיי צו געבן א פעטשעלע פאר דעם?

צווייטנס, אסאך מאל שבת הייבן זיי אן שלעפן דעם טישטוך, און אויך דעמאלט העלפט נישט גארנישט, אינדערוואכן האבן מיר נישט קיין טישטוך ביים עסן, קען איך זיי נישט אויסלערנען אז מען קען נישט שלעפן, נאר שבת, און דעמאלט פון איין זייט וויל איך נישט מאכן שטרענגע סעודות און זיי דארפן אסאך אנשרייען, אבער פון די אנדערע זייט קערן זיי דאך איבער דעם טיש?

יישר כח אויף אלע שיעורים און בריוו, וואס העלפן און זענען מחזק.

יישר כח

**תשובה:**

**בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת תרומה, ב' אדר, שנת תשפ״ו לפרט קטן**

**לכבוד ... נרו יאיר**

**איך האב ערהאלטן דיין בריוו.**

**מיט קינדער קען מען נאר מצליח זיין**

# בְּרִיוו פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

אַז מֶען אִיז נִישְׁט אָנְגֶעצוֹיגְן, נָאר מֶען אִיז רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ, נָאר דֶעמָאלְט זֶענֶען דִי אוֹיעֶרְן אָפְן; דִי קִינְדֶער שְׁפִּירְן דָאס, דִי קִינְדֶער וֶוייסְן דָאס, אוּן נָאר אַז דֶער טַאטֶע אָדֶער מַאמֶע, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אִין חֶדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע - אַז מֶען אִיז רוּאִיג, מֶען אִיז נִישְׁט אִין נֶערְוֶוען - דֶעמָאלְט הֶערְן זֵיי וָואס מֶען רֶעדְט, וִוידֶערְרָאוּם אוֹיבּ מֶען אִיז גֶערֶעגְט וְכוּ' - הֶעלְפְט נִישְׁט זָאגְן, הֶעלְפְט נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוּן אוֹיךְ נִישְׁט שְׁלָאגְן, (שְׁלָאגְן טָאר מֶען נִישְׁט; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער, אוּן עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט).

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען זֵייעֶר אַסַאךְ הַדְרָכָה פוּן מוֹהֲרָא"שׁ ווִי אַזוֹי צוּ פִירְן אַ יְשִׁיבָה, אַ חֶדֶר, מֵיידְל שׁוּלֶע; וָואס מֵיינְסְטוּ - וָואס זֶענֶען דִי סוֹדוֹת? וָואס זֶענֶען דִי טְרִיקְס? מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר אַלְץ גֶעזָאגְט: "זֶע עֶס זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער אִין יְשִׁיבָה, אִין חֶדֶר אוּן אִין מֵיידְל שׁוּלֶע, נָאר אַזוֹי וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין", אוֹיךְ הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ גֶעגֶעבְּן דִי עֵצָה אַז יֶעדֶע מָאל אֵיידֶער אִיךְ גִיבּ אַ שִׁיעוּר פַאר דִי תַּלְמִידִים זָאל אִיךְ זִינְגֶען מִיט זֵיי, אַזוֹי וֶועט זִיךְ עֶפֶענֶען זֵייעֶר הַארְץ, אוּן נָאר דָאס אַרְבֶּעט; אַז עֶס אִיז פְרֵיילִיךְ, אַזוֹי זֶענֶען דִי אוֹיעֶרְן אָפְן.

בְּנוֹגֵעַ דִי שַׁבָּת טִישְׁטוּךְ וְכוּ', גִיבּ זִיךְ אַן עֵצָה עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּגְלִיטְשְׁן; אָדֶער קֶענְסְטוּ לֵייגְן קְלִיפְּס בַּיי דִי זַייטְן, אָדֶער קֶענְסְטוּ אוּנְטֶער לֵייגְן אַ הַארְטֶע דוּרְכְזִיכְטִיגֶע פְּלֶעסְטִיק אוּן אוֹיף דֶעם לֵייגְן דִי ווֵייכֶע דִינֶע פְּלֶעסְטִיק וָואס מֶען בַּייט בַּיי דִי סְעוּדוֹת, דָאס הָאלְט דִי טִישְׁטוּךְ אִין פְּלַאץ, אַזוֹי אִיז דָא כַּמָּה עֵצוֹת, אָבֶּער דָאס אַלֶעס אַרְבֶּעט נָאר אוֹיבּ מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, אוֹיבּ מֶען אִיז מִיט דִי נֶערְוֶוען - הֶעלְפְט גָארְנִישְׁט. אָךְ אוּן ווֵיי אַ שַׁבַּת סְעוּדָה וָואס גֵייט מִיט נֶערְוֶוען, עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ מִיט מַכּוֹת, אוּן דִי עֶנְדֶע עֶנְדֶע אִיז אַז דִי קִינְדֶער גֵייעֶן אַוֶועק וְכוּ' הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַסַאךְ אוֹיף שִׂמְחָה אוּן אוֹיף קֶענֶען הָאבְּן אַ וֶועג מִיט דִי קִינְדֶער, צוּ גוּטֶע קִינְדֶער אִיז מֶען זוֹכֶה דוּרְךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק יח): "מַעֲשֶׂה בְּכֹהֵן אֶחָד", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ כֹּהֵן, "שֶׁהָיָה יְרֵא שָׁמַיִם בַּסֵּתֶר", זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, "וְהָיוּ לוֹ עֲשָׂרָה בָּנִים מֵאִשָּׁה אַחַת", עֶר הָאט גֶעהַאט צֶען קִינְדֶער, "שִׁשָּׁה זְכָרִים וְאַרְבַּע נְקֵבוֹת", זֶעקְס זִין אוּן פִיר טֶעכְטֶער, "וּבְכָל יוֹם וָיוֹם הָיָה מִתְפַּלֵּל וּמִשְׁתַּטֵּחַ וּמִתְחַנֵּן וּמְבַקֵּשׁ רַחֲמִים", עֶר פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג זִיךְ אַרָאפְּוַוארְפְן אוֹיף דֶער עֶרְד, ווֵיינֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וּמְלַחֵךְ בִּלְשׁוֹנוֹ עָפָר", עֶר פְלֶעגְט אוֹיפְלֶעקְן דֶער עֶרְד מִיט זַיין צוּנְג (דָאס אִיז אַן אוֹיסְדְרִיק ווִי אֵיינֶער פַארְפִירְט אוּן ווִיל עֶפֶּעס פּוֹעֶל'ן) - "כְּדֵי שֶׁלֹּא יֵצֵא אֶחָד מֵהֶן לִידֵי עֲבֵירָה וְלִידֵי דְּבַר מְכֹעָר", אַז אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן קֵיינֶער זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ קַיין עֲבֵירוֹת, "אָמְרוּ, לֹא יָצְתָה אוֹתָהּ שָׁנָה וְלֹא שֵׁנִית וְלֹא שְׁלִישִׁית", אוּן מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף אִים, עֶס אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער קַיין סַאךְ צַייט, נָאךְ אַ קוּרְצֶע צַייט, "עַד שֶׁבָּא עֶזְרָא וְהֶעֱלָה אֶת יִשְׂרָאֵל מִבָּבֶל, וְהֶעֱלָה אִתּוֹ כֹּהֵן עִמָּהֶם", הָאט עֶזְרָא הַסּוֹפֵר צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט אַלֶע אִידְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן אוֹיפְגֶעבּוֹיט דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן דֶער אִיד אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען פוּן דִי וָואס זֶענֶען צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען קַיין יְרוּשָׁלַיִם, "עַד שֶׁרָאָה כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים וּפִרְחֵי כְהוּנָּה מִבָּנָיו וּמִבְּנֵי בָּנָיו עַד חֲמִשִּׁים שָׁנָה, וְאַחַר כָּךְ נִכְנַס אוֹתוֹ כֹּהֵן לְבֵית עוֹלָמוֹ", מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער אִינְאֵיינֶעם מִיט עֶזְרָא הַסּוֹפֵר, אוּן אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוָוארְן כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דֶער כֹּהֵן הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס אַלֶע פוּן זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן דִי עֲבוֹדָה אִינֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז תְּפִלָּה אִיז דִי עֵצָה זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת תצוה, שנת תשפ"ו)


חִינוּךְ אַפְּטֵיילוּנְג
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 1-2-4-2
- שמעו ותחי נפשכם -



צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com

קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּעס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 / קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com / טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876